## אַהיים

איך טונקעלן פעלד אַ טונקעלער שטיין,
זיצט אַן אַלטע אַלטע פרוי,
אויף אַ גרויען געדאַנק ענטפערט זי גרוי:
״שוין נישט לאַנג״.

אַ בוים האָט אויגן
און זעט עפּעס פאַרנאַכט
און ווערט ווי מאָגערער פאַר שרעק
און שוידערט מיט די צווייגן.

זיצט דערנעבן אַן אַלטע פרוי,
געבליבענער שיין פון געשטאָרבענע טעג,
און קוקט אַריבער אויף יענער זייט וועג,
ווי די זון האָט פאַרשריבן מיט בלוט אַ געזאַנג
און מורמלט עפּעס צו אַן אַלטן געדאַנק:
״שוין נישט לאַנג״.

פּלוצלונג נעמען ווינטן זיך דרייען ווי שרויפן,
וואָלקנס מיט צורות פון כלבים יאָגן זיך, לויפן.
די נאַכט שפרינגט אַראָפּ מיט אַ רעגן,
פון טויזנטער וועגן
ווערט איין וועג

וואָס פאַרבלאָנדזשעט...
נאָר צו פרי צו שנעל האָט מען זיך צעשיידט,
דער טאָג איז אַוועק נישט געזונטערהייט
מוז ער קומען צוריק.

ווי אויף שוואַכן פונדאַמענט אויסגעבויט הויז
לייטערט זיך אויס
ווערט וועלט העל אויף אַ ווייל.

שטייט אַ מענטש און פרייט זיך: ווי שיין, ווי שיין,
די זון פאַרענדיקט מיט בלוט איר געזאַנג.

נאָר אַ בוים האָט אויגן
און זעט עפּעס פאַרנאַכט,
און ווערט ווי מאָגערער פאַר צער
און שאָקלט מיט די צווייגן:
ניין, ניין, ניין, ניין,

דער עיקר, ברודער, צי האָסטו אַ היים?
און דערנעבן זיצט אַן אַלטע פרוי,
געבליבענער שאָטן פון געשטאָרבענע טעג,
און קוקט אַריבער אויף יענער זייט וועג,
און ענטפערט גרוי אויף אַ גרויען געדאַנק:
שוין

נישט
לאַנג
אַהיים.

==============================

**פאָלקסצייטונג 14.7.1939 ז.7**